# פרשת במדבר כ"ה אייר – ב' סיון תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת במדבר***

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החומש סעודה, לילדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים בבנין הבית חינוך לבנות 'בית יעקב' דקהלתנו הק'. המנהל הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג הדומ"ץ שליט"א**, ודבר ההורים מאת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא, נתכבד **רבינו שליט"א** לישא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע עלטערן, זיידעס און עלטער זיידעס, וואס זענען געקומען זיך מיטפרייען מיט די געוואלדיגע שמחה. אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען האט קינדער און אייניקלעך וואס גייען בדרכי התורה, און מען לערנט זיי אויס די ווערטער פון די תורה, איז עס באמת א געוואלדיגע שמחה פאר די עלטערן. די חומש סעודה קומט אלץ אויס אין די טעג פון חודש סיון, וואס אין די טעג האבן כמעט אלע וואס זענען דא פארלוירן עלטערן און זיידעס, וואס האבן געהאט מסירת נפש פאר תורה, מען האט איבערגעלאזט די פלעצער וואו מען האט געוואוינט, און געקומען קיין אמעריקא, איז עס א געוואלדיגע שמחה אז מען זעהט ב"ה אז די תורה בליהט, און מען קען מגדל זיין קינדער וואס גייען על דרכי התורה, און מען דארף דאנקן דעם רבונו של עולם דערויף.

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו, ועשיתם אותם, זאגט די תורה די אלע ברכות וואס דער אייבערשטער וועט געבן, טאמער מען וועט האלטן די תורה. דער **בעל הטורים** זאגט, אז די ראשי תיבות פון א'ם ב'חוקותי ת'לכו איז אבת. - דער מדרש (ויק"ר לה-א) ברענגט צו אויף דעם פסוק, הדא הוא דכתיב (תהלים קיט-נט), דוד המלך האט געזאגט, חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך, דוד המלך האט געזאגט, בכל יום ויום הייתי מחשב לבית פלוני אני הולך, למקום פלוני אני הולך, והיו רגלי מוליכות אותי לבית המדרש. עס קען זיין א כוונה וואס איז נוגע לעניינינו.

**עלטערן** שיקן א קינד אין תלמוד תורה, און זיי האפן אז דאס קינד וועט דארט אויסוואקסען א תלמיד חכם און א ערליכער יוד, און מען זאל קענען זעהן ביי אים אסאך נחת. **מען דארף וויסען, אז די קינדער זענען באמת די גרעסטע פארמעגן וואס עלטערן האבן, עס איז נישט דא נאך א זאך וואס איז אזוי חשוב ביי א יוד, ווי זיינע קינדער. עס איז די איינציגסטע רכוש וואס בלייבט אויף לעולמי עד.** אלע אנדערע זאכן וואס א מענטש פארשאפט זיך אויף די וועלט, איז מען נאר נהנה דערפון ווילאנג מען איז דא, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות (אבות ו-י), מען נעמט גארנישט מיט פון די וועלט. פון איין זאך האט א מענטש הנאה אויך בשעת מען לעבט שוין נישט, ווען מען האט קינדער תלמידי חכמים, וואס זענען אויסגעוואקסען ערליך און איידל. עס איז נישט דא קיין גרעסערע תענוג פון ווען עס קומט א שבת און א יום טוב, און מען זיצט מיט קינדער וואס זענען בני תורה, מיט איידלקייט און ערליכקייט.

**ווען** מען קומט אויף די עלטער, און מען דארף אמאל הילף פון די קינדער און אייניקלעך, וועט מען עס האבן נאר ביי בני תורה, מען וועט עס נישט געפונען ערגעץ אנדערש. דאס וואס קינדער און אייניקלעך זענען זיך מוסר נפש ארויסצוהעלפן די עלטערן אויף די עלטער, דאס איז נישט דא נאר ביי אונז יודען, וואס מיר זענען נתחנך געווארן על דרכי התורה. דאס איז דער אשריך בעולם הזה, עס איז נישט דא קיין גרעסערע שמחה פאר עלטערן, ווי א שטוב פון תורה. און וטוב לך לעולם הבא, מען נעמט זיך גארנישט מיט פון די וועלט, במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.). אבער טאמער מען האט איבערגעלאזט קינדער וואס זיצען און לערנען, באקומט מען שטענדיג אויף יענע וועלט שכר אויף די מצות און מעשים טובים פון זייער זכות. דאס איז די איינציגסטע זאך וואס בלייבט פאר א מענטש אויף שטענדיג.

**אבער** כדי צו האבן גוטע קינדער, איז נישט גענוג אז מען שיקט די קינדער אין תלמוד תורה, און דער

רבי וועט מיט זיי לערנען, אז זיי זאלן קענען פארשטין חומש מיט רש"י, גמרא און תוספות. עס איז גאנץ א קליינע חלק פון יודישקייט. **דער עיקר חינוך איז אין די שטוב. ווארימקייט צו יודישקייט באקומט מען נישט פון די חדר, ווארימקייט צו יודישקייט באקומט מען נאר אין שטוב. אויב די שטוב איז א ווארימע שטוב, די שטוב לעבט אין תורה, מען איז מחשיב עבודת ה', דאס לאזט איבער א רושם אויף קינדער.** אבער טאמער דאס פעלט אין שטוב, קען עס די תלמוד תורה נישט צו געבן. חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי, הן עמדו לי בעת זקנותי (חולין כד:), חמין, דאס ווארימקייט וואס עלטערן געבן פאר קינדער, דאס איז די זאך וואס בלייבט אויף שפעטער.

**די** גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, אין די ווארט איש איז דא א יו"ד, און אין די ווארט אשה איז דא א ה"א, צוזאמען איז דאס די שם י-ה. שכינה שרויה ביניהם, דאס ברענגט השראת השכינה. אויסער די אותיות פון יו"ד און ה"א, איז דא ביי דעם איש א א' מיט א ש', און ביי אשה א א' מיט א ש', דאס איז אש אש. מען דארף האבן די טאטעס פייער, און מען דארף האבן די מאמעס פייער. ווארימקייט אין א שטוב, דאס איז איש ואשה. **אז מען וויל האבן א השראת השכינה אין שטוב, פארלאנגט זיך אז דער טאטע און די מאמע זאלן אריינגעבן ווארימקייט אין די קינדער.** דער פייער וואס קומט פון די עלטערן, דאס איז דער חמין וואס איז עמדו לי בעת זקנותי, דאס לאזט איבער א רושם אויף די קינדער אויף שפעטער.

**עלטערן דארפן זיין א דוגמא, א סימבאל, אויף אהבת תורה. ווען מען זעהט אז עלטערן זענען קובע עתים לתורה, ווען עס קומט א שבת זיצט מען מיט א ווארימקייט, און מען זינגט די זמירות שבת, מען רעדט דברי תורה, און מען פארציילט סיפורי צדיקים, מען רעדט פון ערליכע יודן, דאס איז די ווארימקייט פון א שטוב אויף שפעטער.** - מען זעהט אלץ, ווי דער פריער'דיגע דור האבן אייביג גערעדט פון די מסירת נפש פון די אבות, און פון זייערע רבי'ס. דאס ווארימקייט וואס זיי האבן באקומען, דאס האט זיי באגלייט שפעטער.

**די** קינדער ווערן אנגערופן די פוס פון א מענטש, ברא כרעה דאבוה (עירובין ע:). דוד המלך האט געזאגט, בכל יום ויום הייתי מחשב לבית פלוני אני הולך, למקום פלוני אני הולך, ער האט געהאט אסאך צו טון, ער איז געווען א מלך, און ער האט געדארפט ערלעדיגן זאכן, האט ער געטראכט איך וועל גיין לבית פלוני, איך וועל גיין למקום פלוני, אבער והיו 'רגלי' מוליכות אותי לבית המדרש, ווען איך קוק אויף מיינע קינדער, איך וויל אז זיי זאלן זעהן אהבת תורה און יראת שמים, דאס האט מיך געפירט אז איך זאל גיין אין בית המדרש. אז דו ווילסט אז דיינע קינדער זאלן זיין תלמידי חכמים, דארפסטו זיין דער סעמפ"ל דערפאר, און דעמאלטס וועלן די קינדער אויך אזוי אויסוואקסן.

**א'ם** ב'חוקותי ת'לכו, איז די ראשי תיבות 'אבת'. מען קען נישט ערווארטן פון קינדער, אז זיי זאלן זיין עמלים בתורה, זיי זאלן זיין ואת מצותי תשמרו, אויב עס פעלט די ראשי תיבות פון א'ם ב'חוקותי ת'לכו. אויב די אבת האבן עס נישט, גייט עס נישט איבער פאר די קינדער. עלטערן וואס פירן זיך אויף ערליך און איידל, דאס לאזט איבער א רושם אויף די קינדער, אז מען זאל קענען נהנה זיין פון זיי בזה ובבא.

**עס** איז היינט א שווערע וועלט, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, הלואי זאל מען קענען אין צוואנציג יאר ארום זיך צוזאמקומען, און זעהן אז די טהורים זאלן בלייבן מיט די זעלבע טהרה, מיט די זעלבע איידלקייט און ערליכקייט, אזוי ווי זיי זענען יעצט. אז מען לייגט אריין ארבעט, פארלאזט נישט דער אייבערשטער, און דער באשעפער העלפט אז שפעטער זעהט מען אסאך נחת. זאל דער אייבערשטער געבן אז די עלטערן זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. - איך וויל וואונטשען פארן מלמד רבי מרדכי יונה, וואס ארבעט אריין אין די קינדער, עס איז נישט צו גלייבן, עס איז א פולע קלאס, און אין יעדן קינד לייגט אריין אזא חיות און חשק, זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך אסאך כח, אז ער זאל קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש. - דער חשוב'ער מנהל און דער סגן מנהל לייגן אריין א אויסערגעוועונליכע

ארבעט אין די תלמוד תורה. איך האלט מיט, מיט וואס זיי טוען. מיר רעדן כמעט יעדע וואך וואס עס איז נוגע, און וואס מען קען אויפטון אין תלמוד תורה. זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער אויך אנפירן מיט זייער עבודת הקודש. און מיר אלע זאלן קענען מקבל זיין די תורה בשמחה ובטוב לבב, און אנטקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הלויה של ש"ב הרבנית מוואדקערט ע"ה (אלמנת הגה"צ רבי אלי' פאללאק זצ"ל אב"ד וואדקערט), שהתקיים לפני בית המדרש שאפראן.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ו סעיף ) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון שמיטה. וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמור, כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, ושבתה הארץ שבת לה', זאל די ערד רוען א שבת פארן אייבערשטען. שש שנים תזרע שדך, ושש שנים תזמור כרמך, זעקס יאר זאל מען ארבעטן, ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ (ויקרא כה-א), זאל זיין א שבת שבתון לארץ. רש"י שטעלט זיך שוין, מה ענין שמיטה אצל הר סיני, פארוואס הייבט זיך אן די פרשה, וידבר ה' אל משה בהר סיני, אז דער אייבערשטער האט גערעדט אויף בארג סיני.

**נאכדעם** איז דא א דיוק, דער פסוק זאגט, ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, ושבתה הארץ שבת לה'. ווען מען קומט אריין קיין ארץ ישראל איז שמיטה? קודם איז דאך שש שנים תזרע שדך, קודם ציילט מען זעקס יאר, און נאכדעם, די זיבעטע יאר וועט זיין ושבתה הארץ שבת לה'. פארוואס זאגט דער פסוק, כי תבואו אל הארץ, ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, ושבתה הארץ שבת לה', וועט זיין שמיטה, און נאכדעם שש שנים תזרע שדך? עס איז דאך נישט אויסגעשטעלט לויטן סדר. - און דער פסוק הייבט אן, ושבתה הארץ שבת לה', שרייבט ער נאר איין מאל 'שבת'. און נאכדעם זאגט דער פסוק, ובשנה השביעית 'שבת שבתון' יהיה לארץ, א שבת שבתון וועט זיין לארץ. פריער האט ער עס אנגערופן שבת, און נאכדעם רופט ער עס אן שבת שבתון.

**מען** ווייסט אז אין די גמרא (ברכות לה:) איז דא א מחלוקת צווישן רבי ישמעאל און רבי שמעון בן יוחאי. מען זאגט יעדן טאג ביי קריאת שמע, אז דער אייבערשטער וועט געבן רעגן, ואספת דגנך ותירשך ויצהרך (דברים יא-יד), און דו וועסט צוזאמנעמען די תבואה, וואס דו דארפסט האבן צו עסן. שטעלט זיך די גמרא, פארוואס שטייט ואספת, אודאי וועט מען צוזאמנעמען. די נקודה איז דאך אז דער אייבערשטער וועט געבן רעגן, און עס וועט זיין תבואה. אבער וואס מען וועט טון מיט די תבואה, פארשטייט יעדער איינער אז מען וועט עס צוזאמנעמען, פארוואס שטייט ואספת דגנך.

**זאגט** רבי ישמעאל דערויף, אזוי ווי עס שטיט אין פסוק (יהושע א-ח), לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, עס זאל נישט אוועקגיין די תורה פון דיין מויל, יכול דברים ככתבן, אז מען דארף שטענדיג לערנען, וועט דאך אויסקומען אז מען האט נישט א היתר אז מען זאל עוסק זיין אין פרנסה, ווייל מען דארף זיצן און לערנען, תלמוד לומר ואספת דגנך, האט די תורה געשריבן ואספת דגנך, דו מעגסט אראפנעמען צייט פון דיין לערנען, הנהג בהן מנהג דרך ארץ, פיר דיך מיט די תורה, מיט די 'לא ימוש ספר התורה מפיך', מנהג דרך ארץ. ווען דו וועסט ארבעטן, וועסטו קענען זיצען און לערנען, אבער אויב דו וועסט וועלן נאר לערנען, און דו וועסט נישט האבן קיין פרנסה, צום סוף וועט אונטערגיין די תורה אויך. יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ (אבות ב-כ), מען דארף האבן ביידע צוזאמען, מען זאל עוסק זיין אין ביידע. אזוי האלט רבי ישמעאל.

**רבי** שמעון בן יוחאי דינגט זיך, און ער זאגט, אפשר אדם חורש בשעת חרישה, וקוצר בשעת

קצירה, תורה מה תהא עליה, אלא בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי אחרים. לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, מען דארף זיצן און לערנען, ואספת דגנך מיינט נישט דיך. ואספת דגנך מיינט, אז די גוים וועלן דיר העלפן, און זיי וועלן צוזאמענעמען אלע דיינע תבואה. אלא בזמן שאין עושין רצונו של מקום, דארף מען אלעס אליין טון. לויט רבי שמעון בן יוחאי איז נישט דא קיין היתר איבערצולאזן תורה און גיין ארבעטן, נאר מען דארף עוסק זיין שטענדיג אין תורה, און די גוים וועלן שוין טון די ארבעט. זאגט די גמרא, הרבה עשו כרבי ישמעאל ועלתה בידם, הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם. די וואס האבן געטון אזוי ווי רבי ישמעאל האבן מצליח געווען, און די וואס האבן געטון אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי האבן נישט מצליח געווען. נישט יעדער קען זיך אריינזעצן אין בית המדרש און לערנען, און עס וועט זיין פרנסה.

**זאגט** דער **מהרש"א**, 'הרבה' עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם, עס איז נישט קיין מהלך פארן ציבור, אז יעדער זאל טון אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי, אז יעדער זאל זיך אריינזעצן אין בית המדרש און קיינער זאל גארנישט טון, דאס איז נישט אויסגעהאלטן. אבער ראיתי בני עליה והן מועטין (סוכה מה:), עס איז דא בני עליה, יחידים, וואס קענען זיך אוועקרייסן פון עולם הזה, זיי קענען זיך אוועקלייגן פאר תורה, און פאר זיי וועט דער אייבערשטער העלפן אז עס וועט זיין מלאכתן נעשית על ידי אחרים. הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי, ווען א ציבור וויל טון אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי, ולא עלתה בידם, איז עס נישט געלונגן פאר זיי, אבער א מועט, קען עס יא טון.

**וואס** איז דער חילוק? פארוואס א רבים קען עס נישט טון, און א מועט קען עס יא טון. שטייט אין ספרים, אז דער ביאור דערפון איז. אז דאס אז מען זאל זוכה זיין אז עס זאל זיין מלאכתן נעשית על ידי אחרים, איז ווען א יוד איז באמת א בוטח אויפן אייבערשטען, אז דער באשעפער איז אים ממציא זיין פרנסה, און אפילו ער וועט גארנישט טון, וועט אויך דער אייבערשטער צושיקן זיין פרנסה. ווען א מענטש איז אין די מדריגה, ער איז א אמת'דיגער בוטח בה', איז והיה ה' מבטחו, וועט דער אייבערשטער אים צושיקן וואס ער דארף צו האבן. אבער אויב באמת ביי זיך איז ער נישט הונדערט פראצענט אין די הכרה אז דער אייבערשטער וועט עס אים צושיקן, און ער וועט עס האבן, און ער וויל נאר סתם זיין א בוטח בה', אז דער אייבערשטער וועט שוין טון, וועט דער אייבערשטער נישט טון. און נישט יעדער איינער איז אין די מדריגה, אז ער זאל קענען זאגן אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי, אז ער פארלאזט זיך אז עס וועט אים פאלן מן ביי די טיר, ער איז נישט אין די מדריגה. הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם, עס איז נישט א מהלך פארן ציבור. אבער מועטים, די בני עליה, וואס זענען זיך באמת בוטח אז דער אייבערשטער וועט זיי צושיקן וואס זיי דארפן צו האבן, פאר די איז עלתה בידם.

**גיט** צו דער **מהרש"א** און ער זאגט, לעתיד לבא, וועט דאך זיין ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים (ישעיה יא-ט), יעדער וועט צוקומען צו א מדריגה מכיר צו זיין די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, דעמאלטס וועט ביי יעדן קענען זיין אז ער זאל זיצן און לערנען, און ועמדו זרים ורעו צאנכם (שם סא-ה). נאר היינט וואס איז א עולם הזה, איז נישטא ביי יעדן די מדריגה, אבער לעתיד לבא וועט יעדער צוקומען צו די מדריגה.

**לויט** רבי שמעון בן יוחאי וואס ער זאגט אז מען טאר נישט עוסק זיין אין עולם הזה, נאר מען דארף זיצען און לערנען, און ואספת דגנך מיינט על ידי אחרים, איז ווען עס שטייט דא אין פסוק שש שנים תזרע שדך, ושש שנים תזמור כרמך, ואספת את תבואתה, מוז מען דאך אויך טייטשן אז עס גייט ארויף על ידי אחרים. נישט דו אליין וועסט עס טון, נאר אזוי ווי ואספת דגנך מיינט על ידי אחרים, מיינט דא אויך אז די זעקס יאר וועסטו זיצן און לערנען, און שש שנים תזרע שדך, על ידי אחרים, אנדערע וועלן טון די ארבעט פאר דיר. אבער לויט רבי ישמעאל גייט ארויף שש שנים תזרע שדך, אז מען וועט אליין טון די ארבעט.

**און** אז מען זאגט, אז לעתיד לבא וועט יעדער זיין אין די הכרה, און עס וועט זיין דעמאלטס מלאכתן

נעשית על ידי אחרים, איז בשעת יודען זענען געשטאנען ביי קבלת התורה, וואס אני אמרתי אלקים אתם (תהלים פב-ו), מען האט געזעהן כביכול דעם אייבערשטען. און יודען זענען צוגעקומען צו א מדריגה פון אלקים אתם, אז מען איז אזוי ווי מלאכים, איז פארן חטא העגל יעדער געווען אין די הכרה, אזוי ווי עס וועט זיין לעתיד. און ווען מען איז אין די זעלבע הכרה פון לעתיד, האט מען נישט געטון די ארבעט אליין, נאר עס איז געווען מלאכתן נעשית על ידי אחרים. ווען מען וואלט גלייך אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, וואלט די ארבעט געווען דורך אנדערע. קומט אויס, וואלט מען דאך א גאנץ יאר אויך נישט געארבעט, נאר די גוים וואלטן געארבעט פאר אונז.

**זאגט** די תורה הק', וידבר ה' אל משה בהר סיני, די פרשה איז געגעבן געווארן אין הר סיני. אין הר סיני זענען מיר אלע געווען אין די מדריגה פון אני אמרתי אלקים אתם, אזוי ווי די מדריגה פון רבי שמעון בן יוחאי. האט דער אייבערשטער אונז געזאגט, ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, ושבתה הארץ שבת לה', אלע יארן וועט עטץ נישט טון קיין מלאכה, עס וועט זיין ביי ענק שבת. ווייל אפילו ווען מען מעג טון א מלאכה, וועט זיין עמדו זרים ורעו צאנכם, איר וועט זיצען און לערנען, און די אומות העולם וועלן טון פאר ענק די ארבעט. שש שנים תזרע שדך, ושש שנים תזמור כרמך, ואספת את תבואתה, די זריעה מיט די אסיפה וועלן אנדערע טון פאר דיר, און פאר דיר וועט זיין אזוי ווי שמיטה. כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, ושבתה הארץ שבת לה', וועט פאר גאנץ כלל ישראל זיין שבת, ווייל די מלאכה וועט זיין דורך אנדערע. וואס וועט זיין דער חילוק אין די יאר פון שמיטה. שמיטה וועט זיין שבת שבתון יהיה לארץ, עטץ וועטס האבן דעם שבת, און עס וועט זיין שבת אויך ביי די גוים. די הלכה איז, אז דורך א גוי טאר מען אויך נישט טון א מלאכה אין שמיטה, און דעמאלטס וועט זיין שבת שבתון יהיה לארץ, עס וועט זיין א דאפעלטער שבת. עס וועט זיין א שבתון פאר ענק, און ענקערע פעלדער וועלן אויך רוען. - דער ושבתה הארץ שבת לה', אז עס וועט זיין א שבת פאר יודען, דאס האט נישט צו טון מיט שמיטה, נאר אויב עס וועט זיין אזוי ווי

בהר סיני, וואס יודען זענען געווען אין די מדריגה פון אני אמרתי אלקים אתם, וועט זיין שבת שטענדיג, די זעקס יאר וועט מען טון די ארבעט דורך אנדערע, און שמיטה וועט מען נישט טון די ארבעט אפילו דורך אנדערע.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי עקיבא לודמיר שליט"א** אב"ד פרעשבורג (ב"פ), שהתקיים באולם פערעדייס מענאר.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל צבי פריעד** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

אחר התנאים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת מארקאוויטש ע"ה (אשת הר"ר **יצחק אייזיק מארקאוויטש** הי"ו).

*

***יום שני פרשת במדבר***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **שלמה זלמן** (בן הר"ר **חיים יעקב** הי"ו) **גלויבער** הי"ו שהתקיים בבית המדרש הגדול קהל יטב לב דסאטמאר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אשר זעליג גאלדבערגער** ע"ה.

אחר תפלת מעריב עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של נכדו הרב **יואל יוסף עזריאל טייטלבוים** שליט"א. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה. אחר כן הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

יום שלישי פרשת במדבר

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ווערצבערגער ע"ה (אשת הר"ר **דוד יצחק ווערצבערגער** הי"ו).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הכינוס למאות התלמידות המסיימות שנות לימודיהם בבתי החינוך (כתה י"ב) שע"י מוסדות התורה בוויליאמסבורג (וויען, וויזניץ, סקווירא, פאפא, צאנז קלויזענבורג, תפארת בנות), שהתאספו יחד עם הוריהם – בית יעקב אלו הנשים, באולם אימפיריעל.

**רבינו שליט"א** השמיע לפניהם דברות קודש והדרכה להמשיך דרכי החינוך שקבלו במשך שנים הללו בצניעות ובקדושה, לבנות בתים נאמנים לה' ולתורתו על דרך ישראל סבא. - ועורר במיוחד על צניעות המלבושים, והזהירות בעבודה באפיסע"ס, ועל נסיון הדור בהשתמשות בכלי הטעכנאלאגיע. ולבחור בשידוכים רק במי שנכנע לדעת תורה בכל תהלוכות החיים ועוד. - ועל כולם להתפלל ולבקש רחמים בכל עת ועונה, וביותר בהדלקת נרות שב"ק, שלא ימוש התורה מפיהם ומפי זרעם, ושיזכו בדור כזה לגדל בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות (תוכן הדרשה נדפס בגליון דברי תורה).

*

יום רביעי פרשת במדבר

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ש"ב הרבנית מוואדקערט ע"ה (אלמנת **הגה"צ רבי אלי' פאללאק זצ"ל** אב"ד וואדקערט).

*

יום חמישי פרשת במדבר – ערב ר"ח סיון

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שמואל ראזענבערג** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בית רבינו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

לפני הברית עלה **רבינו שליט"א** לסיור בבית **הרה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זצ"ל**, והעלה כמה זכרונות מימי קדם ממה שחזו עיניו בצל קדושתו.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בניו דזשערסי (לרגל היומא דהילולא ביום ערב שבועות הבעל"ט). **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו ברכת אברהם, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה.

*

ערב שבת פרשת במדבר

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הרב **יהושע פאללאק** שליט"א (בן **הגה"צ אב"ד ראשוב שליט"א**), שהתקיים בבית המדרש בראשוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה.

*

שבת קודש פרשת במדבר

ביום שבת קודש עלה **רבינו שליט"א** למפטיר, ועבר לפני התיבה לתפלת המוספין, לרגל יומא דהילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל בערב שבועות הבעל"ט.

## לקט סיפורים וענינים מכ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל
## שנשמעו מפי בנו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א במשך כמה שנים

**לרגל יומא דהילולא ביום ערב שבועות**

### עם גדולי וצדיקי דורו

**זקינו הגה"ק משאמלויא זצ"ל**

בסיום הש"ס של הר"ר **נחמי' פייערווערקער** הי"ו
יום ב' פרשת בהר תשע"ד לפ"ק

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ווען ער איז געווארן א חתן, האט מען אים אלץ חתן אויפגענומען צו זיין דיין אין די שטאט מאקאווא. מיין מאמע ע"ה פאטער איז געווען דיין אין מאקאווא (**הגה"ק רבי חיים יהודה דייטש זצ"ל** בעמח"ס **אהבת חיים** ועוד), און ער איז אוועק (ב' דחוה"מ סוכות תרצ"ח), און זי איז געבליבען א יתומה, און מען האט געזוכט א חתן א תלמיד חכם, וואס זאל קענען איבערנעמען זיין פלאץ, און ווען ער איז א חתן געווארן, איז ער געווארן דיין אין די שטאט.

**און** ער האט מיר פארציילט, אז ער איז א חתן געווארן זומער (שנת תרצ"ט), און זיין זיידע דער **שאמלויער רב** האט פארגעלערנט פרק, און נאכדעם וואס ער האט געענדיגט פארלערנען פרק, האט ער געזאגט, אז ער וויל מודיע זיין פארן ציבור, אז זיין אייניקעל יהושע, וואס איז געווען זיין תלמיד, און מען האט אים געקענט אין די שטאט, איז א חתן געווארן, און ער איז געווארן דיין אין די שטאט מאקאווא. האט דער **שאמלויער רב** געזאגט אין די דרשה, פארוואס זאג איך עס פאר ענק? ווייל איר האלט מיר אויס, און איר געבט מיר געלט כדי איך זאל קענען זיצען און לערנען. איר זאלט וויסען, אז די געהאלט וואס איר געבט מיר, איז נישט אומזיסט. אז איך שטעל אויף קינדער מיט אייניקלעך תלמידי חכמים, איז די געהאלט וואס איר געבט מיר נישט געגאנגען לאיבוד.

**רבו הגה"ק מגאלאנטא זצ"ל**

בניחום אבלים על פטירת הר"ר ברוך בראדי ע"ה
עש"ק פרשת צו תשע"ד לפ"ק

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** האט געלערנט ביים **גאלאנטער רב**, איין און א האלב זמן. פון אנפאנג ווינטער ביז חודש סיון. און פון די איינע זמן וואס ער האט געלערנט ביים **גאלאנטער רב** האט ער אייביג גערעדט. עס איז אים געלעגן אין די ביינער. און ער האט דערציילט, אז ער איז אמאל געווען ביים טיש, און דער **גאלאנטער רב** האט געמאכט קידוש, און נאכדעם איז ער געגאנגען צום עק פון שטוב, זיך צו וואשן. אינמיטן גיין, האט ער געהערט ווי צוויי בחורים רעדן אונגאריש. האט ער געגעבן א קלאפ מיט די צוויי הענט, אונגאריש צו רעדן אין שבת?! עס איז חשובער אויסצושניידן די צונג, ווי צו רעדן גוי'יש אין שבת. און עס איז אים אזוי אריין אין די ביינער.

**הרה"ק מבעלזא זי"ע**

בניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יודל כ"ץ** ע"ה
יום ג' פרשת תולדות תשע"ד לפ"ק

**א' האבלים:** מען האט געשמועסט יעצט פונעם **בעלזער רב ז"ל**, איך בין געווען אסאך ביים **רב ז"ל**, איך האב נאך געהערט תשליך תשי"ג. תשליך האט גענומען לענגער ווי כל נדרי

**רבינו:** און לענגער ווי די נענועים אויך. די נענועים האט גענומען זייער שנעל.

**א' האבלים:** איך בין נאך געווען אין תל אביב, און איך האב אים געהערט זינגען ובאו כולם (שבועות). איך בין געווען אין בעלזא תשי"ב, און מען האט זיך געשטעלט דאווענען יום כיפור בייטאג, האלב צוועלף. און מען האט גדאווענט שחרית און מוסף. און עס איז געווען א הפסקה פון צוויי שעה. און נאך מנחה און נעילה, האט מען נאך געדארפטווארטען צען מינוט אויף שיטת ר"ת. אבער מען האב געדאווענט. איך האב געהערט ווי א יוד האט געזאגט, מיין פליגער מיט וואס איך בין געקומען צופארן אויף יום טוב, איז נישט אזוי שנעל געפארן, ווי מען האט דא געדאווענט.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז ער איז אמאל נאך אינדערהיים, געווען אין בעלזא, עשרת ימי תשובה. און דער **בעלזא'ער רב** האט נאך דעמאלטס מקפיד געווען, צו דאווענען פאר חצות.

און ער איז אריינגעקומען צום דאווענען, צען צו צוועלף, און צוועלף אזייגער האט מען געהאלטן נאך די שמונה עשרה. און **מיין טאטע ז"ל** האט מיר געזאגט, אזוי ווי איך זאגט עס דיר, אזוי האב איך עס געהערט פון זיין מויל. ער האט אנגעהויבן ברוך שאמר, מלך מהולל בתשבחות, הללוי-ה, הללוי-ה, כל הנשמה תהלל י-ה הללוי-ה, אמר אויב, אחד. אזוי ווי איך זאג עס דיר, אזוי האט ער געדאווענט. - נאכן קריג האט זיך געטוישט ביי אים די זמנים.

**בסעודת מלוה מלכה**

מוצש"ק פרשת מסעי תשע"ד לפ"ק

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **בעלזער רב זי"ע** פלעגט איינצוטיילן ביי אים ביים טיש, ווער עס זאל זיצען פריער, און ווער עס זאל זיצען שפעטער. דער משמש האט געדארפט אריינקומען פארן טיש, און דער **בעלזער רב** פלעגט אים אויסצופרעגן, ווי אזוי מען זיצט, און ער האט געדארפט געבן זיין הסכמה, אז מען זאל אזוי זיצען. און אמאל האט ער געקענט הייסען, אז מען זאל טוישן איינעם פארן צווייטען. - זעהט אויס אז ער האט מורא געהאט, אז עס וועט זיין א זילותא דרבנן. די גבאים וועלן מאכן חשבונות, ווי אזוי מען זאל זיצען, און עס איז געווען ביי זיין טיש, האט ער געוואלט אליין וויסן, ווי אזוי יעדער איינער זיצט. פון די אנדערע זייט, אז מען מאכט אמאל א טעות, האט דער **בעלזער רב** אליין געמאכט דעם טעות, און דער בזיון איז אסאך שטערקער. און פון דעסטוועגן דאך, האט ער עס נישט געוואלט איבערגעבן פאר א צווייטן, נאר ער האט אליין איינגעטיילט.

*

**איך** האט געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ביים **בעלזער רב** אין א תענית, פלעגן די חסידים וואס זענען געווען שוואך, אדורכגיין איינס נאכן אנדערן, און דער **בעלזער רב** פלעגט צו זאגען, ווער עס קען גיין עסן, און ווער נישט. דער **בעלזער רב** איז געזעסן אראפגעלאזט מיטן קאפ, און ער האט נישט אנגעקוקט די וואס זענען אדורך. און ווער עס איז אדורך, האט ער געזאגט, גיי איבערבייסן. און דער **בעלזער רב**, פלעגט אסאך מאל צו פרעגן, פארוואס? וואס פעלט דיר. איינמאל איז דארט געווען איינער, און ער האט געזען אז דער **בעלזער** **רב** איז פאר יעדעם מתיר צו עסן, האט ער געטראכט, אפשר וועט ער אויך קענען געווינען, און ער וועט נישט דארפן פאסטען. ווען ער איז אדורך, פרעגט אים דער **בעלזער רב**, וואס פעלט דיר? האט ער נעבעך נישט געהאט וואס צו ענטפערן. האט אים דער **בעלזער רב** געזאגט, יא, עס פעלט דיר יראת שמים. וועגן דעם האסטו זיך געשטעלט אין די רייע, און דו ווילסט עסן.

**הגה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זצ"ל**

**בשיחה עם כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**

חול המועד סוכות תשע"ד לפ"ק

**רבינו:** איך זאג אייביג פאר די קינדער, אז איך דאנק שטענדיג דעם אייבערשטען, אז אויב איך בין שוין יא אראפגעקומען אויף דעם עולם, אז איך בין געקומען מיט אפאר יאר פריער. אז מען האט נאך געזען עפעס. דער **סאטמארער רב זי"ע** האט מיך צוויי מאל געבענטשט מיט די הענט אויפן קאפ. פאר די בר מצוה, און פאר די חתונה.

ווען אונז האב מיר געלערנט אין חדר, איז געווען די חדר העכערן בית המדרש. און בדרך כלל איז די מיטאג שטונדען, געווען די צייט וואס דער רבי האט געהאלטען ביים דאווענען. און מיר פלעגן אראפגיין אין בית המדרש, און מען האט מיטגעלעבט מיט אלעס וואס איז געווען אין בית המדרש.

אונז האב מיר געלערנט מסכת גיטין, ביי די עלף - צוועלף יאר. און סוף יאר האט מען זיך פארהערט ביים רבי'ן אויף פיר פרקים. און די רבי האט פארהערט גמרא תוספות אן א גמרא. און ער איז געגאנגען אין די רייע, און געפרעגט די גמרא'ס קשיא, און תירוץ, און וואס תוספות זאגט אויף דעם. און וואס האט מען באקומען דערפאר? מען האט אריינגעברענגט א פעקל קאצקע צוקער, און יעדער האט באקומען איין קאצקע צוקער. דאס איז געווען די שכר.

**האדמו"ר מסאטמאר:** און מען איז געווען צופרידען.

**רבינו:** מען האט עס ניטאמאל אויפגעגעסן. מען האט עס אוועקגעלייגט.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ער איז געווען אמאל ביי א שמחה?

**רבינו:** ער איז געווען ביי אונז אין שטוב אפאר מאל. איינמאל איז ער געווען, ווען **מיין ברודער דער סערדאהעלער רב רבי חיים לייב שליט"א** האט

געמאכט א ברית, און דעמאלטס האט מען זיך אריבערגעצויגען קיין פענן סטריט. איז ער געקומען אויף סנדקאות. ער איז געקומען נאך רש"י תפילין, און ר"ת תפילין האט ער געלייגט אויבן אין ספרים שטוב. און אזוי לאנג האט מען זיך געוואשען, און ער איז אראפגעקומען צום סוף פון די סעודה. **מיין טאטע ז"ל** האט געהאט אסאך ספרים, און א גרויסע ספרים שאנק. ווען ער האט געקוקט אויף די ספרים, האט ער געזאגט, 'ווען מען וואלט ווען אלעס אויפגעשריבען, וואס איך האב שוין געזאגט, וואלט מען געקענט אנפילען אזא שאנק, [און ער האט געוויזען מיט די פינגער], פון איין עק ביזען אנדערן'. און ער האט אנגעהויבען אויסרעכענען, ווי ער האט אלץ געדרש'נט אינדערהיים, פרקי אבות, און שבת וכדומה. ער האט געזאגט דעמאלטס, אז עס איז דא פארשידענע צדיקים. עס איז דא צדיקים וואס זייער תורה דארף נתגלה ווערן, און עס איז דא אזעלכע וואס זייער תורה דארף נישט נתגלה ווערן. עס איז תלוי אין זייער שורש נשמה.

נאכדעם איז ער געווען ביי אונז, ביי מיין שבע ברכות. איך האב חתונה געהאט אין מאנטריאל, און ער איז געקומען צו אונז אין שטוב, אויף א מיטאג שבע ברכות. עס איז דעמאלטס געווען נאך די זעקס טאגעדיקע מלחמה, און ווי ער איז געגאנגען, האט ער נאר גערעדט פון די נושא. און ער האט געזאגט, מען זאגט, אז איך זאג אז עס איז נישט געווען קיין נסים, איך זאג אז עס איז יא געווען נסים. אז מען קען איינרעדן א גאנצע וועלט, אז עס איז געווען נסים, דאס איז נאר א נס. ער איז געזעצן א שעה צייט, און ארויסגעברענגט זיין מיינונג. ווי ער האט געטראפן א עולם, האט ער געזוכט מפרסם צו זיין, זיין מיינונג.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ער האט געוואלט הערן אויך.

**רבינו:** און מען האט זיך געדינגען מיט אים.

---

בניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **פישל פריעדמאן** ע"ה

יום ג' פרשת שמיני תשע"ה לפ"ק

---

**אחיו הרה"ח ר' משה פריעדמאן הי"ו:** מען האט פונקט געשמועסט דעם יום טוב, אז ווען איך האב געלערנט אין חדר איז דער **סאמבאטהעלער רב זצ"ל** געווען דער פארנומענסטער מוהל אין שטאט. דער רבי [**בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע**] פלעגט זיך צוזעצען צו די סעודה, און איך בין אפאר מאל געווען ווען דער **סאמבאטהעלער רב** האט געשמועסט מיטן רבי'ן. איינמאל האט ער אים געפרעגט וועגען די חומש **תורה תמימה**. און דער רבי האט אים געענטפערט, וואס ער זאגט איז דאך נישט קיין אייגענס, און דאס וואס ער זאגט אייגענס, קען מען דערקענען.

**רבינו:** ער ברענגט אים צו אין **ויואל משה** (מאמר ב' אות ל"ה, מאמר ג' אות א' ואות ה').

**הר"ר משה:** ער ווענדט אים אפ.

**רבינו:** אבער ער האט זיך גערעכנט מיט אים.

**מיין טאטע ז"ל** פלעגט אלץ מתאונן זיין, אז ער איז געזעסן אסאך ברית'ן מיטן רבי'ן, און ווען ער וואלט אראפגעשריבען די אלע שמועסן וואס איז געווען בי די ברית'ן, וואלט מען געקענט אפשרייבען א גאנץ ספר. ביי יעדע ברית איז געווען אן אנדערע נושא וואס מען האט ארויפגעברענגט. דעמאלטס האט מען געקענט פרעגען און רעדן.

**הר"ר משה:** ער פלעגט זיצען רואיג ביי די ברית'ן.

**רבינו:** ראש השנה פלעגט דער **סאטמארער רב** צו מאכען מציצה. אמאל איז געווען מערערע ברית'ן, מיין טאטע האט געהאט איין ברית, און א צווייטער מוהל האט געהאט דאס צווייטע ברית. און בדרך כלל פלעגט ער מאכען מציצה ביים לעצטן ברית. און דער מוהל איז געווען צוגעוואוינט צו מאכען מציצה, און נאכדעם האט ער זיך געכאפט אז דער רבי פלעגט צו מאכען, האט ער זיך אנטשולדיגט, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן, אז ער איז אזוי צוגעוואוינט פון אלע ברית'ן, אז ער האט זיך נישט געכאפט. האט אים דער **סאטמארער רב** געזאגט בדרך צחות, 'אז מען געוואוינט זיך צו, צו צאפען יענעמס בלוט, איז שווער זיך אפצוגעוואוינען'.

---

**בשיעור אור החיים הק'**

ליל ששי פרשת ויגש תשע"ז לפ"ק

---

**איך** וויל נאכזאגן א דבר צחות פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, וואס איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**. די מעשה איז געווען שבת פרשת ויגש תשכ"ח, ניין און פערציג יאר צוריק, די לעצטע יאר וואס דער **סאטמארער רב** איז געווען געזונט. **מיין טאטע ז"ל** האט יענעם שבת געהאט א ברית ביים **סאטמארער רב**, און ער האט דארט געדאווענט.

**בעפאר** איך קום צו, צו די מעשה, וויל איך פארציילען נאך א מעשה. **מיין טאטע ז"ל** האט געהאט זיין בית המדרש וואו ער פלעגט צו דאווענען. און ער פלעגט זיך נוהג זיין, אז אויב ער האט געהאט א ברית שבת ביי א אדם גדול, האט ער איבערגעלאזט זיין בית המדרש, און ער איז געגאנגען אהין דאווענען. דאס וואס ער האט זיך אזוי געפירט, איז פארבינדען מיט א מעשה, וואס ער פלעגט אלץ פארציילען. אז ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, האט ער נאכנישט געהאט א בית המדרש, און ער האט דאס ערשטע יאר געדאווענט ביים **סטראפקוב'ער רב זצ"ל**, און שפעטער ווען ער האט שוין געהאט א בית המדרש פאר זיך, האט ער געדאווענט ביי זיך. אמאל האט אים איינער מכבד געווען מיט א ברית אין שבת, ביים **סטראפקובער רב** אין בית המדרש. האט ער געדאווענט ביי זיך, און ער איז נאכן דאווענען אריבערגעגאנגען צום ברית. דער **סטראפקובער רב** איז געווען א איש אמת, וואס ער האט געהאט אין הארץ, האט ער ארויסגעזאגט, און ער האט עס נישט באהאלטן. נאכן ברית איז מען געזעסן ביי קידוש, דער **סטראפקובער רב** איז געזעסן אויבן אן, און מיין טאטע איז געזעסן אינדערזייט. אינמיטן רופט זיך אן דער **סטראפקובער רב** אזוי לפני כל עם ועדה, **סאמבאטהעלער רב**, איך וואלט אייך נישט מכבד געווען צו זיין מוהל דא אין בית המדרש! אז איר האט א ברית ביי מיר אין בית המדרש, און איר קומט נישט אהער דאווענען, דארף מען אייך נישט מכבד זיין צו זיין מוהל. - א אנדערער וואלט זיך באליידיגט, אבער מיין טאטע ז"ל פלעגט עס אלץ צו פארציילען מיט אזא דערהויבענקייט, אז דער **סטראפקובער רב** איז געווען א איש אמת, און אז ער האט געהאט א געדאנק, האט ער עס ארויסגעזאגט מיטן מויל. האט ער דעמאלטס מקבל געווען אויף זיך, אז אויב ער האט א ברית ביי א אדם גדול אין בית המדרש, לאזט ער איבער זיין בית המדרש, און ער גייט אהין דאווענען.

**פרשת** ויגש תשכ"ח האט מיין טאטע ז"ל געהאט א ברית ביים **סאטמארער רב**, האט ער געדאווענט דארט, און ער האט עולה געווען מפטיר. דעמאלטס האט מיין ברודער **רבי שלמה זלמן זאל זיין געזונט** (אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג) געדארפט א חתן ווערן אין תולדות אהרן, מוצאי שבת איז מיין טאטע געפארן קיין ארץ ישראל גומר צו זיין דעם שידוך, און פרייטאג פארדעם איז ער געווען ביים **סאטמארער רב** זיך געזעגענען, און ער האט אים פארציילט, אז ער פארט גומר זיין דעם שידוך. דעמאלטס איז געווען נאך די זעקס טאג'יקע מלחמה, ווען מען האט איינגענומען א חלק פון מצרים. און שבת ווען מיין טאטע ז"ל האט עולה געווען מפטיר, און מען האט געענדיגט דעם פסוק וישב ישראל בארץ מצרים בארץ גשן, גיט דער **סאטמארער רב** א זאג פאר מיין טאטע ז"ל, **סאמבאטהעלער רב**, איך האב אייך געליינט מענינא דיומא. איר פארט יעצט קיין ארץ ישראל, 'וישב ישראל בארץ מצרים', איזריעל האט באזעצט ארץ מצרים...

## כ"ק אדמו"ר מסקאליע זצ"ל

בניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א**

יום א' פרשת נצבים תשע"ה לפ"ק

**האדמו"ר מסקאליע:** דער רב האט נאך געקענט דעם זיידען פון דער נאנט. דער זיידע האט געגעבן פארן רב טשעקס[א].

**רבינו:** יא. מיר זענען געווען אסאך זומערס צוזאמען אין האטעל אשל אין ליווינגסטאן מענאר.

**האדמו"ר מסקאליע:** דער טאטע (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) האט געהאט א שטארקע ידידות מיטן זיידען ז"ל. איך געדענק די אהבה וואס האט זיך באוויזען אינעם זומער.

**רבינו:** ער פלעגט אסאך מאל אנצורופן צום **טאטן ז"ל** פארן זומער, צו ער וועט קומען אהין אויף זומער. ווייל טאמער ער קומט נישט, קומט ער אויך נישט.

מען פלעגט פארזאגען א פסוק פארן זיידען (**כ"ק האדמו"ר מסקאליע זצ"ל**), און אויף דעם פלעגט ער צו זאגען דברי תורה. עס איז געווען פארשידענע חסידים דארט אין האטעל אשל, און אסאך מאל איז געווען אזעלכע וואס האבען אויסגעזוכט דעם שווערסטן פסוק וואס איז דא אין די פרשה. און

[א] ענין זה סיפר **רבינו שליט"א להאדמו"ר מסקאליע שליט"א** בהזדמנות אחת, שזקינו **האדמו"ר מסקאליע זצ"ל** היה רגיל ליתן לו כסף תמיכה (טשעק) בעת שהיה נכנס אצלו בימי הקיץ, **ורבינו שליט"א** לא השתמש בשטרות הללו, ועדיין מונחים ברשותו.

מען האט עס אים פארגעזאגט, און ער האט אלץ געזאגט קולע אל השערה. און **מיין טאטע ז"ל** פלעגט אלץ צו זאגען דעם גרינגסטען פסוק, ער פלעגט זאגן, אז מען זאגט, זאל מען כאטש זאגען גוט. אויף א גרינגען פסוק זאגט מען שיין. און ער וועט קענען זאגען אזעלכע דיבורים וואס איז צוגעפאסט פאר יעדן מענטש, אז ער זאל עס קענען הערן. איך וויל זאגען א פסוק וואס יעדער איינער זאל קענען עפעס ארויסנעמען דערפון.

**האדמו"ר מסקאליע:** אז מען האט געזאגט א שווערן פסוק, האט ער געזאגט בדרך קבלה. מען פלעגט אים זאגען דעם פסוק ומשמע ודומה ומשא (בראשית כה-יד), ואחות לוטן תמנע (שם לו-כב). מען האט פראבירט אלעס.

ער האט גלייך געזאגט תורה, עס האט גענומען א רגע כמימרא. ער האט געזאגט פארדעם א יהי רצון, יהי רצון שיתקדש שם שמים על ידינו, דער יהי רצון האט גענומען א מינוט, וואס דער עולם האט געמיינט אז ער טראכט, און ער האט גלייך אנגעהויבען צו זאגען. אמאל אין די קאנטרי ביי מלוה מלכה האט ער מיר געזאגט, איך ווייס נישט פארוואס עס איז מיר היינט אנגעקומען שווער צו זאגען, איך האב געמוזט אנקומען צו טעמי הקרא צו קענען זאגען תורה. טעמים איז דאך די העכסטע בחינה, על פי קבלה איז טעמים העכער פון אותיות, העכער פון די נקודות.

## בעניני ברית מילה

בניחום אבלים על פטירת הר"ר **ישעי' קארפען** ע"ה
עש"ק פרשת מקץ תשע"ו לפ"ק

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** איז געווען א מוהל נאך אינדערהיים, און ווען מען האט דעפארטירט, האט ער מיטגענומען מיט זיך א מוהל מעסער, מיט א חלף. מען האט דאך נישט געוואוסט וואו מען גייט, טאמער מען וועט דארפען פלייש, זאל ער קענען שחט'ן. און ער זאל האבען ביי זיך א מוהל מעסער, אויב עס מאכט זיך א ברית. און ער האט עס גענוצט. **רבי מנשה מאייער שליט"א** (אב"ד גרינוויל דזשערזי סיטי) האט ער געמל'ט אינמיטן די קריג. זיין מוטער ע"ה איז געווען זייער א פעסטע יודענע, און זי האט אויסגעפועל'ט ביי די דייטשען, אז מען זאל געבן רשות צו מאכען א ברית דעם אכטן טאג.

**א' מהנוכחים:** מען האט נישט אוועקגענומען דעם מעסער?

**רבינו:** ניין. זיי האט מען נישט געטראגען קיין אושוויץ, די יודען פון דעברעצין און מאקאווא זענען געווען אין א לאגער אין עסטרייך.

**א' מהנוכחים:** דער טאטע האט גענוצט דעם חלף?

**רבינו:** דארט איז אים נישט אויסגעקומען. ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא האט **מיין טאטע ז"ל** געשחט'ן פאר זיך.

**א' מהנוכחים:** עופות אדער בהמות?

**רבינו:** עופות. בהמה פלייש האט מען נישט געגעסן. אמאל אמאל אויף יום טוב ווען רבי יצחק מנשה פריעד ע"ה האט געשחט'ן, האט ער גענומען אויף יום טוב. אבער בדרך כלל האט מען נישט געגעסן.

**א' מהנוכחים:** אלץ וואס?

**רבינו:** ווייל ער האט זיך נישט אויסגעקענט, האט ער נישט געוואלט[ב]. ערב יום כיפור פלעגט ער אלע יארן אליין צו שחט'ן זיין כפרה, כדי ער זאל אנהאלטן אז ער שחט עפעס. רבי יצחק מנשה פריעד ע"ה איז געווען עומד על גביו, און ער האט געשחט'ן אליין.

בניחום אבלים אצל משפחת
הר"ר **ישראל דוד וויינבערגער** ע"ה – מוהל מומחה
מוצש"ק פרשת צו תשע"ה לפ"ק

**א' האבלים:** די רב האט געהאט אסאך שייכות מיטן טאטען.

**רבינו:** אסאך יארן, להבדיל בין חיים לחיים. איך פלעג צו שיקען צו אים פאר אומנות, און ער פלעגט צו שיקען צו מיר פרעגן די הלכה.

**א' האבלים:** ער האט פארשריבען אכציג פראצענט פון זיינע ברית'ן. ער האט געמאכט בערך צען טויזנט ברית'ן.

**רבינו:** זייער אסאך.

---

[ב] ראיתי אצל **אבא מארי זצ"ל** שהיה מקפיד מלאכול בשר, רק ממה ששחטו עבורו והודח והומלח בביתו. ולא שינה מהנהגתו כל ימי חייו, גם כאשר היה חוץ לבית במדינה אחרת. ואף על פי כן כאשר היה מזדמן להיות בשלחנו של צדיק היה טועם ממאכלי השיריים. ושאלתיו פעם על פשר הדבר. ואמר לי מה שאני מקפיד באכילתי זהו חומרא, אבל כבוד חכמים הוא מצות עשה מן התורה, ואדעתא דהכי לא קבילנא.
(פרקי אבות פרשת אחרי תש"ס לפ"ק)

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט זאגען, אז מען זאגט אז דער האט געהאט פערציג טויזנט ברית'ן וכדומה. פלעגט ער זאגען, ווען א מענטש האט א ברית יעדן טאג פופציג יאר, דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג א יאר, האט ער נישט מער פון אכצן טויזנט צוויי הונדערט און פופציג ברית'ן.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** האט אויך געהייסען א גרויסער מוהל, און ער האט נישט געהאט מער פון צוויי און א האלב טויזנט ברית'ן. און דעמאלטס איז נישט געווען אזויפיל קינדער ווי היינט.

**א' האבלים:** עס איז געווען א יוד וואס האט מכבד געווען דעם **סאמבאטהעלער רב** מיט א ברית, און עס איז געווען א שאלה ווען די ברית קען זיין. און מיין טאטע איז אראפגעפארן צום דאקטער מברר זיין, צו די ברית קען יא זיין אדער נישט זיין. ווען מיין טאטע איז צוריקגעקומען, האט דער **סאמבאטהעלער רב** נישט געוואלט נעמען דעם ברית, און ער האט געזאגט, ער האט זיך געפארעט דערפאר, איז עס זיין ברית. און מען האט זיך נישט געקענט איינבעטן ביי אים, אז ער זאל יא אננעמען דעם ברית.

---

בניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי אהרן יעקב בראנדוויין זצ"ל** האדמו"ר מסטרעטין בב"פ
יום ב' פרשת קרח תשע"ד לפ"ק

---

**בנו הרי"מ:** דער **סאמבאטהעלער רב** איז געווען מיין מוהל. די ברית איז געווען שבת, און ער איז אריבערגעגאנגען די וויליאמסבורג בריק צו די איסט סייד צו מאכען דעם ברית. מיין טאטע האט אים געגעבן מוהל געלט, און איך האב יעצט געטראפן א הערליכע יישר כח בריוו פונעם טאטן, וואס ער באדאנקט זיך 'אשר שלח לי שכר בטלה בעד הכנסת בנו לבריתו של אברהם אבינו'. עס איז געשריבען מיט די האנטשריפט, נישט קיין געדרוקטע זאכען. אזעלכע מידות.

**רבינו:** צוויי דריי מאל בין איך מיטגעגאנגען מיט אים שבת אויף א ברית אין די איסט סייד. און ער איז נאכדעם צוריקגעגאנגען. ער איז נאר זעלטען געגאנגען.

**בנו הרי"מ:** מיין טאטע האט מיר געזאגט, פארוואס ער האט אים גענומען פאר מוהל. ווייל דער **סקווירא רבי זצ"ל** (ב"פ) האט אים גענוצט אלץ מוהל.

**רבינו:** ער איז געווען מוהל ביים סקווירא רבי'ס קינדער.

**בנו הרי"מ:** איך האב געהערט פון מיין שוואגער דער **ביסטריצער רב**, אז עס איז אמאל געווען א שאלה אויף א ברית פון א קינד, און עטליכע גדולי ישראל וואס זענען געווען מוהלים, האבען געזאגט אזוי צו אזוי, און דער **סאטמארער רב** האט געזאגט, אז מען זאל פרעגן דעם **סאמבאטהעלער רב**, ווייל אויף מילה איז ער דער קובע און דער פוסק אחרון.

**רבינו:** ער האט געהאט אסאך ברית'ן אינאיינעם מיטן **סאטמארער רב ז"ל**, ווי דער **סאטמארער רב** איז געווען סנדק.

---

בניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמחה נייהויז** ע"ה
יום ה' פרשת שלח תשע"ד לפ"ק

---

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** איז געווען מוהל ביי די קינדער פון **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל** נאכן קריג. און ער האט פארציילט, אז די ערשטע מאל וואס ער איז געווען ביי אים מוהל, איז נאכן ברית האט **רבי מיכאל בער** געוואלט געבן געלט פארן מוהל ווי דער סדר איז, און **מיין טאטע ז"ל** האט נישט געוואלט נעמען. האט **רבי מיכאל בער** געזאגט, אויב איר ווילט נישט נעמען, קען איך אייך נישט צווינגען, אבער איין זאך קען איך אייך יא זאגען, אז מער וועל איך אייך נישט מכבד זיין צו זיין מוהל. איך וויל אז א מצוה זאל מיך קאסטען געלט.

## ענינים שונים

---

**הכרת הטוב**

במסיבת מלוה מלכה לטובת מוסדותינו הק' בוומסב"ג
מוצש"ק פרשת שמות תשע"ו לפ"ק

---

**איך** בין נתגדל געווארן אין א שטוב, וואו הכרת הטוב האט פארנומען זייער א גרויס פלאץ. ביי **מיין טאטע ז"ל** איז געווען א ארימע שטוב, [עס איז ב"ה געווען אלעס וואס קינדער דארפן צו האבען, אבער ברייט איז נישט געווען], און מען האט געלעבט פון דעם וואס יודען האבן מחזיק געווען. ער האט נישט געקענט גענוג באדאנקען פאר איינעם וואס האט אים מחזיק געווען, שטענדיג

האט ער עס געדענקט פאר יענעם, און ווי ער האט געקענט יענעם צוריקצאלן, האט ער אים צוריקגעצאלט[ג].

**איך** האב געלערנט אלס בחור אין נייטרא ישיבה, **מיין טאטע ז"ל** האט נישט פארפעלט א מלוה מלכה פאר די ישיבה וואס ער זאל נישט גיין, ווייל זיין קינד האט דארט געלערנט, און מען האט אים אויפגעשטעלט קינדער תלמידי חכמים. **איך פערזענליך, בין שוין אוועק פון נייטרא ישיבה כמעט פופציג יאר, איך מיין אז איך האב נאכנישט פארפעלט איין מלוה מלכה וואס איך זאל נישט זיין דארט פערזענליך. איך רעד נישט פון געבן געלט, נאר איך זאל דארט זיין פערזענליך, אלס הכרת הטוב.** אויף דעם פלאץ בין איך נתגדל געווארן, דארט האב איך געהאט מיין התעלות, איז מען מחוייב א הכרת הטוב אויף דעם מקום.

## <u>השתתפות בשמחת נישואין</u>

**בשיחה עם הרה"ג אב"ד טשענסקאויטץ שליט"א**

חול המועד סוכות תשע"ה לפ"ק

**רבינו:** דער **פריימאנער רב** האט מיר פארציילט, אז ער האט חתונה געהאט נאך די קריג אין רומעניע, און **מיין טאטע ז"ל** האט געוואוינט אין אונגארן, און מיין טאטע האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבן און געשווערצט די גרעניץ צו קומען צו זיין חתונה אין רומעניע. נאך די קריג איז מען געבליבען אחד בעיר ושנים במשפחה, און דאס ביסל משפחה וואס איז געבליבן האט מען זיך צוזאמגעהאלטן. האט ער געשווערצט די גרעניץ, צו גיין צו זיין חתונה. ווען איך האב חתונה געמאכט מיין ערשטע טאכטער (עם **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** חדב"ן), איז ער געקומען צו די חתונה, ער האט זיך דעמאלטס נישט אזוי גוט געשפירט, און ער האט מיר געזאגט, איך האב מיך אראפגעלייגט שלאפן, און איך האב געזען דעם פעטער (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) אין חלום, און ער האט מיר געזאגט, מיין קינד מאכט היינט חתונה, און דו גייסט נישט צו די חתונה. בין איך געקומען מיט מסירת נפש צו די חתונה.

## <u>דיבורי חול כשמלובש בטלית</u>

בסעודת מלוה מלכה מוצש"ק מסעי תשע"ד לפ"ק

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **טורי זהב** האט זיך קיינמאל נישט געטוישט זיין טלית, און ער איז געגאנגען מיט א אלטע טלית, וואס איז געווען אפגעריבן. און ער האט געזאגט, אז נאך די הונדערט און צוואנציג יאר לייגט מען אוועק דעם מענטש, מיט דעם טלית וואס מען האט געדאווענט. און ער וויל אז דער טלית זאל מעיד זיין אויף אים, אז ער האט קיינמאל נישט געהאט א מחשבה זרה בשעת'ן דאווענען. האט ער נישט געלאזט טוישן דעם טלית. **מיין טאטע ז"ל** פלעגט צוצוזאגן, אז מיר וואלטן געדארפט טוישן דעם טלית יעדן טאג. אז דער טלית זאל נישט דערציילן, וואס מען האט יא אינזין געהאט מיטן טלית[ד].

---

[ג] וכה ראיתי תמיד אצל **אבותי זצ"ל** שאם היה לו טובה מאחד לא היה שוכחו לעולם. וכאשר אדם היה מהנה אותו, הכיר לו טובה תמיד. והיה משתדל לכבדו בעת שהלה היה עושה שמחה בביתו, גם כאשר עלה לו בטירחא יתירה. והיה אומר מה אוכל להשיב גמול לאנשים המחזיקים אותי, רק במה שאני מכבד אותם בעת שמחתם. - והיה רגיל לשלוח טשעק שתי פעמים בשנה לאיש אחד בארץ ישראל, שהיה לו אכסניא אצלו לפרקים בעת שהיה בצבא בשנות נעוריו.

(בדרשת פרקי אבות פ' תבא תש"ס)

[ד] סיפר **רבינו שליט"א שאביו זצ"ל** צוה לבניו שאחר פטירתו יקברו אותו עם הטלית שהתפלל בה בעת היותו במצור ובמצוק בצבא העבודה (בעיר סענטעש) שנלקח אליה מיד אחר חתונתו בשנת ת"ש לפ"ק על יד שרי המדינה לעבוד עבודה קשה שהיתה קשורה יחד עם עינויי הגוף והנפש, ושהה שם למשך שנה שלימה עד שהצליחו ראשי ק"ק מאקאווא לפטרו ולשחררו משם.

וכה הם סיפור הדברים: שבעת הצהרים כאשר קיבלו חיילי הצבא שעה קלה למנוחת הגוף מעבודתם, היה אוזר בגבורה והתכונן נפשו להתפלל תפילת שחרית ולהתעטר בנזר אלקיו על ראשו בהנחת טלית ותפילין במקום מיוחד שנבחר לו לנחלה (בתחומי הצבא התקיימה חנות קטן שבה היו מוכרים מאכלים ומשקים קלים להחיילים, ונשא חן בעיני בעל החנות ועבור בצע כסף הסכים ליתן לו מקום להתפלל בתוך המחסן שלו למשך שנה זו). ועל התפילות הנרגשות שיצאו מלבו הטהור בימים האלו העיד בערוב ימיו שהם היו מתפילותיו הנאות ביותר (שענסטע תפילות) שבמשך כל ימי חייו, וטלית זה שהתפלל בשנה הלזו הניח בבית גנזיו וצוה שיקברוהו עמה לאחר אריכות ימיו ושנותיו .

## **אמירת דברי תורה וסדר הנהגתו ועוד**

בניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף עזרא אראן** ע"ה
יום ג' פרשת וירא תשע"ה לפ"ק

**א' האבלים:** דער טאטע האט געדאווענט לאנגע יארן אין סאמבאטהעלי בית המדרש. מיר פלעגן הערן פונעם **סאמבאטהעלער רב**, ביי די שלש סעודות תורה, אלע חסידישע ספרים. די **עבודת ישראל** האט געקאכט.

**רבינו:** ער האט ליב געהאט חסידישע ספרים.

**א' האבלים:** ער פלעגט צו זאגען די תורה מיט בכיות.

**רבינו:** פאר סליחות פלעגט ער צו זאגען מיט בכיות, אבער אינמיטן די יאר האט ער נישט געזאגט מיט בכיות[ה].

**א' האבלים:** יעדעס יאר האט ער נאכגעזאגט פונעם **בעלזער רב**, דעם טעם פארוואס מען הייבט אן אויפצושטיין צו סליחות מוצאי שבת, ווען מען האט נאך דעם אור פנים פונעם שבת.

איך געדענקט נאך די דרשה וואס דער רב האט געזאגט ווען דער רב איז געווארן א חתן. מיט די טלית אויף די פלייצע.

**רבינו:** דאס איז שוין אסאך יארן צוריק (שבת קודש פ' וארא תשכ"ז). עס איז געווען מיין ערשטע דרשה [ו].

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט אונז שיקן, אז מיר זאלן שטיין נאנט ביי די תורה, און אויסהערן יעדעס ווארט. אלע קינדער זענען געשטאנען פארנט כדי צו הערן בעסער. היינט לויפן די קינדער ארום, און מען דארף זיי האלטן עקסטער. עס איז געווען אן אנדערע דיציפלין דעמאלטס.

**רבינו:** אין די שטובער איז אויך געווען אנדערש די דיציפלין, איז ממילא אויך געווען אין בית המדרש אנדערש.

**א' האבלים:** מיין מאמע האט מיר געזאגט, אז נאך די מלחמה איז זי געווען מיטן **סאמבאטהעלער רב**, און ער פלעגט צו פארציילען מעשיות פון צדיקים, און געבן התחזקות אין יודישקייט. און זיי האבען געשעפט אסאך התחזקות פון דעם. מען האט זיך געווארימט מיט די מעשיות פון די צדיקים[ז].

איך בין אמאל געגאנגען מיט מיין טאטע צום **סאמבאטהעלער רב** באקוקען א לולב מיט א אתרוג פאר יום טוב, און איך געדענק אז ער האט דעמאלטס געזאגט פאר מיין טאטע, אז א יעדער פשוט'ער יוד דארף קענען דעם **קיצור שלחן ערוך** אויסנווייניג. יעדער יוד דארף וויסען קורצע הלכות, און עס חזר'ן יעדע טאג, אז מען זאל קענען אלע הלכות. כאטש דעם **קיצור שלחן ערוך** דארף מען קענען אויסווייניג.

**רבינו:** אין סערדאהעלי איז געווען א גרויסע ישיבה, און עס איז געווען א סדר, אז מען האט געדארפט לערנען א יעדע וואך צוויי בלעטער **קיצור שלחן ערוך**. עס איז געגאנגען מיט א סדר, אז א בחור אין די יארן פון די ישיבה, זאל האבען א מושג אין אלע הלכות. מען האט אדורך געלערנט

---

ובצוואתו כתב: 'לאחר אריכת ימי יעשו את המטה שלי (כולה, או עכ"פ מקצתה) משלחן הגדול שבבית מדרשי כאן (הסמוך למקום תפלה שלי), כי אצל שלחן הזה למדתי הרבה פעמים תורה ברבים או ביחידות. ואולי היה ביניהם איזה דבר של אמת שהייתי מעורר בהם את ישראל, או עכ"פ נקודה אחד של רוחניות וקדושה אמיתית. ויהיה זאת לי לעזר באורחא רחיקא וזוודא קלילא שלי'. (מתוך קונטרס **ויצו יהושע** עמ' לא)

[ה] הנה **אבא מארי זצ"ל** כשישב בסעודה שלישית, היה מדבר בדרך כלל משתי ענינים, או מקדושת השבת, או ממדת ענוה ושפלות רוח, שיש להכיר שאינו יוצא ידי חובתו נגד בוראו. (בסעודת פורים תשנ"ו לפ"ק)

[ו] בסעודת היום בשבת התוועדות לאנ"ש פרשת וארא תשס"ז פתח **רבינו שליט"א** את דבריו באמרו: הנני בפה מלא שבח והודאה ליוצרי ובוראי, כי ביום השבת הזה נתמלא ארבעים שנה מעת שדרשתי פעם הראשונה לבני ישראל, ביום השבת אחר שנתארסתי לטובה, בבית מדרשו של **אבא מארי זצ"ל**, וכה יתן ה' וכה יוסיף שיעלה בידי להגדיל תורה ולהאדירה, מתוך אריכת ימים ושנים ביחד, עד ביאת ינון במהרה דידן.

[ז] י"ב שנים זכיתי לאכול על שלחנו של **אבא מארי זצ"ל** אחר חתונתי מדי שבת בשבתו, והיה מאריך בשלחנו הרבה בדברי תורה ובסיפורי צדיקים. ואם היה עיף ויגע מעבודת היום, היה מניח עצמו לישון קצת אחר תפלת ערבית קודם קידוש כדי שיהיה לו מנוחת הנפש בסעודתו, וחמין ושמן שסכו לי בילדותי המה עמדו לי. - ואמר כי בהיותו ילד צוה לו **אביו זצ"ל** שבכל לילה קודם השינה, יעיין בסיפורי צדיקים לעשר מינוטין, וקנה עבורו ספרי **עשר אורות** וכו', ואמר אחר זה כי זהו שעמדה לו להתעלות. (מתוך דרשת ז' אדר תשנ"ד לפ"ק)

גאנץ **קיצור שלחן ערוך**. און אז מען קען **קיצור שלחן ערוך**, ווייסט מען שוין וויאזוי זיך צו רירן. רוב שכיח'דיגע הלכות שטייט דארט, און וואס עס איז נישט שכיח כאפט מען זיך שוין, צו עס איז א שאלה, צו נישט.

**א' האבלים:** מיר זענען אמאל געווען דארט אין בית המדרש, און דער שמש האט געצינדן חנוכה לעכט, און ווען ער האט אראפגעווארפען די מעט"ש, איז עס אראפגעפאלן אויפן **סאמבאטהעלער רב'ס** בעקיטשע, און עס איז געווארן א לאך. האט ער פארציילט מיט א שמייכעל, אז **רבי שלמה קארלינער** פלעגט צו צינדען די חנוכה לעכט מיט חלב לעכט, ווייל ער האט געוואלט אז עס זאל בלייבען אנגעקלעפט אויף די פענסטער, און עס זאל זיין א גאנץ יאר א זכר פאר די נס חנוכה. איין יאר איז נישט געווען צו באקומען די חלב לעכט, האט ער געצינדען מיט אויל, און פלוצלינג האט זיך אנגעכאפט די פענסטער, און עס איז געווארן פארברענט, האט ער נישט געלאזט פארלעכטען, און ער האט געזאגט, אז ער וויל האבען א זכר. האט דער **סאמבאטהעלער רב** געזאגט, אז ער האט אויך יעצט א זכר.

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז אין די שטאט צעהלים, איז געווען א רב **רבי מנחם כ"ץ**, ער איז געווען פון די תלמידים פונעם **חתם סופר**. און ביי אים אין די ישיבה, איז געווען א בילד פון אים, וואס האט געהאנגען אויף די וואנט. און ער האט אמאל געמאכט הבדלה, און א בחור האט געהאלטן די לעכט, און מען האט זיך געשטופט, און עס האט צוגערירט צו די בארד פון **רבי מנחם כ"ץ**, און מען האט עס שנעל געכאפט און פארלאשן. נאך הבדלה האט זיך **רבי מנחם כ"ץ** אנגערופן פאר דעם בחור, דו האסט שיעור פארדארבן מיין פאטרעיט, מיין בילד, איך וואלט נישט געהאט א בארד.

**א' האבלים:** די הקדמה צו די דרשה (שבת הגדול ושבת שובה, לפני קריאת התורה) איז אלץ געווען, אז לכאורה וועט מען דאך פאסטען, און שבת טאר מען נישט פאסטען (כמבואר בשו"ע או"ח סימן רפ"ח סעיף א'). האט ער געזאגט דריי תירוצים, קודם אז מען איז נאך נישט אויף קיין זעקס שעה (עיין בשו"ע שם), און נאכדעם מיר טרינקען קאווע (עיין בפמ"ג שם), און די דריטע תירוץ איז, אז עס איז דא אינדרויסן קידוש צו מאכען, וזה העיקר.

**רבינו:** דער **חידושי הרי"ם** פלעגט צו דאווענען לאנג. און ער האט אמאל געזאגט, די הלכה איז דאך, אז א תענית איז אסור בשבת, און ווי אזוי האלט איך אויף דעם עולם אזוי לאנג. אבער אזוי ווי מילה איז דוחה שבת (שבת קלב.), און מען איז דאך יעצט מקיים ומלתם את ערלת לבבכם (דברים י-טז), איז דאס דוחה שבת.

---

## בין דורות הראשונים לדורות האחרונים

ניחום אבלים אצל בני הר"ר **שרגא פייוויל עהרענפעלד** ע"ה, על פטירת אמם ע"ה

יום ב' פרשת תזריע תשע"ד לפ"ק

---

**רבינו:** א יוד האט מיר געזאגט די וואך, אז בשנים קדמוניות איז אין די וויענער שול געווען אויפגעשריבען העכער די ארון קודש, 'דע לפני מי אתה עומד'. ווען מען האט איבערגעמאכט די ארון קודש, האט מען אראפגענומען דעם 'דע לפני מי אתה עומד', און מען האט ארויפגעשטעלט 'פתח שערי שמים לתפלתינו'. האט ער געזאגט, ווייל אמאליגע יודען האבען געפאדערט פון זיך, 'דע לפני מי אתה עומד'. היינט זאגט מען פארן רבונו של עולם, 'פתח שערי שמים לתפלתינו'.

**א' האבלים:** איך האב געהערט פונעם רב'ס פאטער, דער **סאמבאטהעלער רב זצ"ל**, מיט יארן צוריק, ווען עס איז געווען הייסע צייטן. אז אמאל האט מען געקוקט אויף א חסיד, וואס פאר א הארץ ער האט, צו ער האט א ריין הארץ צום אייבערשטען. שפעטער האט מען שוין געקוקט אויף א חסיד, וואס פאר א מויל ער האט, צו ער קען גוט אריינפארן פאר יענעם. און היינט קוקט מען, וואס פאר א הענט ער האט.